OUR MEMBERS ARE CERTIFIED BY THE MILAH BOARD OF THE JEWISH COMMUNITY OF NEW YORK

# AGUDATH HAMOHALIM of GREATER NEW YORK, Inc.

## Recognized & recommended by the Milah Board ~~of the Kehillah of Greater New York~~

## אגודת המוהלים אף גרעיטער ניו יארק, אינק.

רעגולאר מיטינגס יעדען ערשטען און דריטען דינסטאג מאנאטליך, אום 5 אוהר נ. מ.
אין אונזערע העדקוואַרטערס, 23 סעקאנד עוועניו, ניו יארק סיטי

**OFFICERS**

**RABBI DAVID STRAUSS**
President
35 East 176th Street
Bronx, N. Y.
TRemont 8-2477

**RABBI SAMUEL BASSOW**
First Vice-President
45-16 Pearson Street
Long Island City, N. Y.
Tel. STillwell 4-0671

**RABBI M. FELSHIN**
Second Vice-President

**REV. S. H. GOLDSTONE**
Financial Secretary
251 West 98th Street
New York City
Tel. ACademy 4-0720

**REV. A. DIAMONT**
Recording Secretary

**REV. S. TAITZ**
Treasurer

**TRUSTEES**

**REV. E. A. PESSIN**
First Trustee

**REV. J. SCHER**
Second Trustee

**REV. W. GREENFIELD**
Third Trustee

**OFFICERS OF EXECUTIVE BOARD**

**REV. H. LEVINE**
Ex-President

**RABBI M. COVALENKO**

**RABBI PH. KOSUT**

**REV. N. CORNIK**

בע"הש"ית

ביי איין ספעציעלען רעגולאר פערזאמלונג פון די "אגודת המוהלים" דניו יארק רבתי, יום ג" לסדר חוקת ג' לחודש תמוז תרצ"ט אין וועלכע מעהר ווי 80% פון דער מעמבערשיפ זענען גיוועזען אנוועזענד איז די פאלגענדע רעזאלוציע איינשטימיג אנגענומען געווארען

היות אזוי ווי די טראדיציאנעלע "מצות מילה" ווערט שרעקליך פערשוועכט אין ניו יארק דורך די האספיטעלער וועלכע שטערען דורך פערשידענע מעטאדען מאכענדיג שוועריקייטען און אויך אין מאנכע פעלער אומעגליך דורכצופיהרען מצות מילה בזמנה "כדת וכדין" ע,פ ,,מסורת אבות,, פיהלע דורך זייערע רולס גענצליך ניט ארייצולאזען קיין אידישען מוהל, פיהלע דורך זייערע קאנסעשאנירטע מוהלים וועלכע נעמען אוועק דעם רעכט פון דעם אבי הבן צו שאפען א מוהל אויף מל צו זיין פיהלע דורך זייערע מעטאדען וואס שאפען אפ סנדקאות-קוואטער,פריעה, אד"ג, און פיהלע וועלכע מאכען די דאקטוירים און די אינטוירנס אליין צו פראקטיצירען מילה קיין אונטערשיעד פון רעליגיאן אדער גישלעכט, און נאך ענדליכע אזעלכע איבלען מצד די האספיטעלער צו די מוהלים און צו די אידישע וועלט

ע"כ זאל די עקשאן קאמיטע פון די אגודת המוהלים וועלכע זענען געשאפען געווארען פון די אויסשטענדע קאמיטע"להטיב מצב מצות המילה והמוהלים"זיך באלד נעמען צו טיכטיגע פראקטישער ארבייט אנצווענדען אלע ענערגישע קרעפטען צו מאכען פערבינדונגען מיט די האספיטעלער דורך שאפען א גרויסען דעת הקהל מיט דער הילף פון רבנישע קערפערשאפטען, שוהלען, צייטונגען, איינפלוסרייכע מענשען ליגאלע וועגען, אדער אירגענד וועלכען וועג וואס די אויבען דערמאנטע קאמיטע וועט געפינען פאר פאסיג און נויטיג און אין וועלכען פלאץ אדער האספיטאל זיי פיהלען פאר וויכטיג אנצופאנגען זייער טעטיגע ארבייט אריינצוברענגען ארדנונג אין דער מקצוע פון מצות מילה, דאס עס זאל געטאן ווערען כדת וכדין לויט אלטע טראדיציע ע"פ מסורת אבותינו הקדושים.

עס האבען געשטימט דאפיער אלע אנוועזענדע ברידער וועלכע זענען גיוועזען ענטוזיאסטיש, אין א גיהויבענע שטימונג און מיט פולער צוטרויען צו דער אויבער־דערמאנטער קאמיטע, דאס זיי וועלען מיט השי"ת"ס היעלף אלעם דורכפירען בשלימות

אין פאלס א איד וואס קען אנצייגען מיט פעראנטווארטליכע עדות אויף א מוהל וואס איז א מעמבער פון דער אגודת המוהלים אף גרעיטער ניו יארק אין זאגען דאס דיזער מוהל איז "עושה מלאכת השם ברמיה, זענען מיר אימערצו גרייט אויף צונעמען די עדות און מיר וועלען געווים מקים זיין דעם ובערת הרע מקרביך

וע"ז בא'ע'הח יום ג לחודש תמוז תרצ"ט לפק

הרב דוד שטראוס, פרעז.
רעוו. י. א. פעשין' 1טער טראסטי

רעוו. סאלא ה. גאלדסטאן, פינ. סעק.
רעוו. אהרן דיאמאנט' פראטאקאל סעק.

OFFICIALLY RECOGNIZED BY NEW YORK CITY DEPARTMENT OF HOSPITALS